**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/9/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול אנאנסירט שריט צו פלאנצן 25 מיליאן ביימער, באשיצןריינע וואסער און באשיצן אונזערע לעיקס**

***באשטימט נייע ציל צו פלאנצן 25 מיליאן ביימער ביז 2033***

***סטעיט און די סטעיט פארשלאג פארפליכט זיך צו ריינע וואסער פינאנצירונג און ברענגט אריין ענדערונגען וואס נוצט גענצליך אויס די בענעפיטן פון דארפישע און באזייטיגטע קאמיוניטיס***

***שריט צו באשיצן אונזערע לעיקס - ווערדפולע ריסאורסן פאר ריינע טרינקען וואסער, טוריסם, און פארוויילונג***

גאווערנאר האקול האט היינט אנאנסירט שריט צו פלאנצן 25 מיליאן ביימער, באשיצן ריינע וואסער און באשיצן אונזערע לעיקס אלס טייל פון די 2024 סטעיט און די סטעיט. גאווערנאר האקול האט אנאנסירט א פינאנצירונג פארפליכטונג פאר ריינע וואסער און א סעריע פון ענדערונגען צו גענצליך אויסנוצן בענעפיטן פאר דארפישע און באזייטיגטע קאמיוניטיס. אויך, האט גאווערנאר האקול געשילדערט שריט צו באשיצן אונזערע לעיקס, וועלכע זענען ווערדפולע ריסאורסן פאר ריינע טרינגען וואסער, טוריסם, און פארוויילונג, און באשטימט א נייע ציל צו פלאנצן 25 מיליאן ביימער ביז 2033. די אנאנסירונג היינט בויעט אויף די ערפאלגזאמקייט פון די $4.2 ביליאן ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע ארבעט געלעגנהייטן ענווייראמענטאלע באנד געזעץ ( Clean Water, Clean Air and Green Jobs Environmental Bond Act) און וואסער פינאנצירונג פראגראמען געאייגענט פאר גלייכקייט און ענווייראנמענטאלע גלייכקייט.

"ניו יארק'ס נאטורליכע וואסער ריסאורסן זענען אומשאצבאר, און קיינער אין ניו יארק זאל קיינמאל נישט דארפן מורא האבן אז זיי וועלן נישט האבן צוטריט צו ריינע וואסער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק'ס נאטורליכע שיינקייט איז אייגנארטיג, און מיר מוזן נעמען די נויטיגע שריט צו עס האלטן אזוי פאר די קומענדיגע דורות."

__**25 מיליאן ביימער ביז 2033**__
דערגרייכן ניו יארק סטעיט'ס צילן אונטער די קלימאט געזעץ וועט זיך נויטיגן אין פרעצעדענטלאזע שטיצע פאר די ענווייראנמענט, אריינרעכענענדיג די נויטיגקייט צו פלאנצן און קעיר נעמען פון נייע וועלדער. דאס צו פארווירקליכן, אנאנסירט גאווערנאר האקול א ציל פון פלאנצן 25 מיליאן ביימער ביז 2033. די ציל וועט אויפלעבן אונזער סטעיט'ס בוים פלאנצונג באמיאונגען, שיקן א דייטליכע מארקעט צייכן פאר פריוואטע פלאנצונג ערטער, פאראויס רוקן באמיאונגען צו ערפילן די קלימאט געזעץ'ס נעט-זערא צילן, און פארמערן די סטעיט'ס וויכטיגע ווואלד פראדוקטן אינדוסטרי.

גאווערנאר האקול וועט אויך לייגן צום ערשט דאס איינפלאנצןביימער אין שטאטישע געגנטער צו פארגרינגערן די שטארקע היץ, וויבאלד סיטיס ווערן שנעלער הייס ווי דארפישע געגנטער. די באמיאונגען וועלן אויך אריינברענגען די יוגנטליכע איבער די סטעיט דורך עדיוקעישאן און פלאנצונג פראגראמען צו שטיצן א באשיצונג בליק, באאיינפלוסן די קומענדיגע דור פון ענווייראנמענטאלע אויספירער, און מאכן טיפערע פארבינדונגען איבער די וויכטיגקייט פון ביימער פאר די ענווייראנמענט, קלימאט, און פובליק געזונטהייט.

צו לייגן ניו יארק אויף א וועג צו ערגרייכן די צילן, וועט סטעיט צושטעלן יערליכע גרענטס פאר מוניציפאליטעטן איבער דריי יאר צו פלאנצן ביימער צו שטיצן שטארקע נייע וועלדער און שטאטישע וועלדער.

<u>**באשיצן ריינע וואסער**</u>
גאווערנאר האקול'ס פלאן צו באשיצן ריינע וואסער נעמט אריין אינציאטיוון צו באשיצן וואסער קוואליטעט, אויסראטן שפראצנדע פארפעסטיגונגען, באשיצן קעגן קלימאט ענדערונג, פארזיכערן שפארזאמקייט און לייגן צום ערשט באזייטיגטע קאמיוניטיס.

גאווערנאר האקול האט אנאנסירט א פינאנצירונג פארפליכטונג פאר ריינע וואסער און שטעלט אוועק נייע אינציאטיוון צו ארויסצוהעלפן מוניציפאליטעטן צו נאכקומען זייערע טרונקען וואסער און ריינע וואסער פינאנצירונג באדערפענישן. די נייע פראגראמען, אויסער די עקזיסטירנדע גרענטס אזויווי די וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג (Water Infrastructure Improvement, WIIA) און אינטער-מוניציפאלע גרענט (Intermunicipal Grant, IMG) פראגראמען, וועלן העלפן קאמיוניטיס ערפילן שוועריקייטן פארבינדן מיט שפראצנדע פארפעסטונגען, שעדליכע שימל געוואוקסן ( harmful algal blooms, HABs), אלטע וואסער אפלויף אינפראסטרוקטור, און הויפט סערוויס ליניע אוועקנעמונג און אינעם זעלבן צייט אויסנוצן די עקאנאמישע פארדינסן פון די וויכטיגע אינוועסטירונגען.

נוצנדיג ווייטערדיגע וואסער אינפראסטרוקטור פינאנצירונג, די ענווייראנמענטאלע באשיצונג פאנד, פעדעראלע געלטער, און די ענווייראנמענטאלע באורד געזעץ, וועט גאווערנאר האקול ווייטער שטיצן וויכטיגע וואסער פראיעקטן און אינעם זעלבן צייט מאכן ענדערונגען צו פארבעסערן צו באקומען פינאנצירונג און געבן די גרעסטע בענעפיט פאר קאמיוניטיס.

הויפט פריאריטעטן רעכענען אריין:

- **שטיצן דארפישע קאמיוניטיס:** אפילו מיט ברייטע פינאנציעלע הילף פון די סטעיט, בלייבן געוויסע מוניציפאליטעטן מיט א גרויסע סומע פינאנציעלע שוועריקייטן וועלכע גייען דערנאך ארויף אויף די שטייער באצאלער. די פארגרינגערן די שוועריקייט אויף קליינע, דארפישע, און באזייטיגטע קאמיוניטיס, פירט גאווערנאר האקול אן די ענווייראנמענטאלע איינריכטונגען קארפאראציע ( Environmental Facilities Corporation, EFC) צו מערן וואסער אינפראסטרוקטור גרענטס פאר קליינע דארפישע קאמיוניטיס פון 25% צו 50% פון נעט בארעכטיגטע פראיעקט קאסטן. די טויש וועט ארויסהעלפן קלענערע קאמיוניטיס, אזויווי די אין די אדיראנדאקס, וועלכע פלאגן זיך מיט באקומען צוטריט צו ריינע וואסער גרענטס און באקומען שפארזאמקייט פראיעקטן.
- **מערן קאמיוניטי ריסאורסן צו פארזיכערן גלייכע צוטריט צו פינאנצירונג געלעגנהייטן:** קליינע, דארפישע, און באזייטיגטע קאמיוניטיס זענען ספעציעל אפעקטירט דורך פארעלטערטע וואסער אינפראסטרוקטור און שפראצנדע פארפעסטיגונגען, און פארמאגן אפטמאל נישט די ריסאורסן און מעגליכקייטן וואס איז נויטיג אויף צו פאראויס רוקן א פראיעקט פאר אינפראסטרוקטור פארבעסערונג. צו

צושטעלן וויכטיגע שטיצע צו אפדעיט'ן ניו יארק'ס קריטישע וואסער אינפראסטרוקטור, וועט די סטעיט פארזעצן צו אויסברייטערן די באמיאונגען פון די קאמיוניטי הילף גרופעס פראגראם.

- **באשיצן טרינקען וואסער:** גאווערנאר האקול וועט אויך שטארקן ניו יארק'ס קוואל וואסער באשיצונג באמיאונגען דורך אנזאגן פאר די ענווייראנמענטאלע אפהיטונג דעפארטמענט (Department of Environmental Conservation, DEC) און העלט דעפארטמענט (Department of Health, DOH), און EFC צו פאראויס רוקן און פארשנעלערן קאמיוניטי-אנגעפירטע פראגראמען צו עלימינירן פארפעסטיגונג ריזיקעס פאר מוניציפאלע טרינקען וואסער געצייג. דאס נעמט אריין אומזיסטע טעכנישע הילף צו אנטוויקלען און איינפירן קאמיוניטי-געאייגנטע טרינקען וואסער קוואל באשיצונג פלענער און אריינברענגען ענדזשינירונג פלאנען גרענטס פאר טרינקען וואסער פראיעקטן.
- **זוכן און אדרעסירן קוועלער פון PFAS פארפעסטיגונג:** בויענדיג אויף ניו יארק'ס נאציאנאלע פירערשאפט מיט אדרעסירן די דראאונג פון שפראצנדע פארפעסטיגונגען, וועט DEC ווייטער זוכן קוועלער פון PFAS פון לעגאסי אינדוסטריעל ערטער ארום די סטעיט צו פארמינערן פאר די ענווייראנמענט צו זיין אויסגעשטעלט דערצו און צו עס אריינגעמען. גאווערנאר האקול וועט אויך פארברייטערן פינאנצירונג געלעגנהייטן פאר לאקאליטעטן צו העלפן אדרעסירן PFAS און אנדערע שפראצנדע פארפעסטונגען.
- **אריינברענגען נייע אנווייזונג צו פארמינערן HAB'ס:** גאווערנאר האקול האט אנגעזאגט פאר DEC ארויסצוגעבן אנווייזונג ווערדן פאר פאספארוס צו טרייבן ברייטע באמיאונגען צו פארמינערן די אפטקייט פון HAB'ס וועלכע האבן א נעגאטיווע ווירקונג אויף טרינקען וואסער קוואליטעט און צוטריט צו שווימען און פארוויילונג אין ניו יארק'ס וואסערן.

**<u>באשיצן אונזערע לעיקס</u>**

די מזרח פינגער לעיקס וואסערטייל און שאוטאקווא לעיק זענען קריטישע ריסאורסן פאר ניו יארק סטעיט פאר פארלעסליכע קוועלער פון ריינע טרינקען וואסער, פארוויילונג, און טוריסם. אבער לעצטנס, האט ניו יארק געזען א אפטערע צאל פון באריכטעטע HAB'ס וועלכע באגרעניצן אונזער צוטריט צו ריינע וואסער.

אין רעאקציע, וועט גאווערנאר האקול אריינשיקן וויכטיגע אינוועסטירונגען אין די מזרח פינגער לעיקס קאואליציע פון ערד און וואסער באשיצונג דיסטריקטן צו אדרעסירן די אינערליכע סיבות פון HAB'ס און פארמינערן זייער פארשפרייטקייט. קאפיטאל אינוועסטירונגען וועלן בויען פראפעסיאנאלע מעגליכקייטן, פארשנעלערן אגריקולטוראלע און שטארקייט פראיעקטן, העלפן פעלד ארבעטער צו אינוועסטירן אין מער באשיצונג פלאנצונגען, פארבעסערן וואסער אפלויף רערן צו פארמינערן וואסער שאדן, און פאראויס רוקן פראיעקטן וועלכע פארבעסערן די געזונטהייט פון די ערד.

גאווערנאר האקול לייגט אויך געוויכט אויף צוריקשטעלן פארוויילונג געלעגנהייטן אין שאטאקווא לעיק און וועט אנזאגן פאר DEC צו ארבעטן מיט סטעיט, פעדעראלע, און נאן-פראפיט מיטארבעטער צו איינפירן ברייטע פארפעסטיגונג פארמינערונג פלענער. דאס רעכנט אריין פארגעשריטענע וואסער קוואליטעט אויפזיכט, דורכפירן א מעגליכקייט שטודיע צו באשטימען די פארנעם און שטארקייט פון אינערליכע פאספארוס זאמלונג, און אינעם זעלבן צייט ארבעטן אויף פראיעקטן וואס קען פארמינערן נוטריענטס פון אריינגיין אינעם לעיק.

**<u>עריע קאנאל צוויי-הונדערט יאר קאמיסיע</u>**

גאווערנאר האקול וועט אוועקשטעלן די צוויי-הונדערט יאר קאמיסיע צו אנערקענען דער היסטארישע וואסערוועג און געדענקען די 200'סטע יארטאג פון פארענדיגן די אריגינעל עריע קאנאל. די קאמיסיע

וועט זיין פאראנטווארטליך פאר א אנגעפולטע קאלענדער פון גרויסע פאסירונגען וואס ענדיגט זיך מיט די וועלטס קאנאל קאנפערענץ אין 2025. די פאסירונגען וועלן אונטערשטרייכן די וויכטיגע ראלע פון די קאנאל סיסטעם אלס א ביישפיל פון ניו יארק'ס גייסט פון ערפינדונג און זייער אנגייענדע ראלע אלס א פירער פון אפסטעיט עקאנאמיעס און א פובליק פארוויילונגס ווערד.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418